STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05178

MEHUTONIM FUN SONIM

Shomer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מחותנים פון שונאים

א קורצער ראמאן

פאן

שמר.

ווילנא

שנת תרע"ג לפ"ק

МЕХУТОНИМЪ ФУНЪ СОНИМЪ

т. е.

Враги сосватались.

разсказъ Н. Шомера.

съ изданія 1909 года безъ перемѣнъ.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи Розенкранца и Шрифтзетцера,

на Лидскомъ переулкѣ домъ № [illegible]/15

1913

דיא אקדמה צוא מיין ראמאן.

די שטאט ניפסק איז איינע פון די גרעסטע האנדיל שטעט אין ליטע, אין איר גיפינען זיך אלער האנד קלאססען מענטשען, גבירים, נגידים, בעלי בתים, נימיינע, שלעפער, איך האב אפילו גיעם קאפיטאל פון דיא גבירים אונ דיא נגידים ניט גיציילט אונ עס איז אגרויסע סברה אז זיי האבין בקעט אלע איך אקאפיקע ביא לייב אונ זייל ניט. נאר מיקען זיי אונטערין האנט ניט אוועק מאכין, זיי שפילין פארט איין גרויסע ראליע, זיי פירין זיך אוף זייער ציין, דיא ווייבער אונ דיא טעכטער זייערע גייען ארויס פערפוצט וויא דיא פורימדיקע מלבות ווארפין ארין אין זייער ליידין איינע דייטשעשע אונ פראנצייזישע ווערטער, זיי ווייסין היינטיגע פאלעטיק אפין בעסטין אדם. צום ביי שפיל: אז איר ווערט זייא געבין אחניפעלע אז זיי זיינען שיין אדער קלוג ווערט איר דיא טינוט בעקומין אדאנק פאר דעם קאמפלימענט אונ דער צו אויך אחניפה. זיי ווייסין (דאס נייט אלס אויף דיא פרויען) אז מיא מעג געבין אהערין דיא האנט, אונ מער ניט וויא דיא שפיצען פון דיא פינגר, זיי פערשטייען גאנץ גוט אז היינטיגע מאדע פאדערט מי זאל מאכין וויזיטין אונ ווען עס ווערט ניט זיין אזויא פיל כבוד דארף מען ברוגז ווערין אף טויט, זיי ווייסין אז היינט איז אין דער מאדע אריין יעדער מענטשען בירידין, פון יעדערין אפ לאכין. דערום פערברענגט מען דיא צייט נאר אף אזעלכע זאכין, אין דיא אריגען מאכט מען כל הקאמפלימענטין אונ וויא מען טרעט אפ מאכט מען חזק וויא פון איין משוגענעם, דיא פאנסליים שפילין אויך זייער ראליע זייער גוט, זייא פערבלענדין אלעמען דיא אויגין מען זאל קוינען אז זייא זיינען רייך, אונ מאכע נאר אונגעריכטער חייד מאכט מען אבאנקראט אונ מיא שטעלט בדלות הונדערטער מענטשען, יעדער גביר יעדער נגיד (אויס גינומען אקליינעם צאל פון זיי) האט זיך זיין קליינזיל וואו ער שפילט אראליע וויא אבאנקראט ער האט פאלגע קראח געטען ער האט ליב דאס הייסט זי וועטעס לאסקע ער דארף אנקומען געבין שלישי אדער ששי, צו אים גיהערט שביחת תורה דער אתה הראית דר חתן בראשית אונ חתן תורה, נאך אזעלכע גלאנצע זאכין. די בעלי בתים לעבן גיוויינליך פון די בעוואוסטע אידעשע גישעפטען דאס רוב זיינען קרעמער אביסיל זיינען שיינקער, אנדערע זיינען מעקלער בעלי אכסניות קליינינקע סוחרים פון תבואה, גאנטעס, ברעטער, פעל, ווענין די בעלי מלאכות וועל איך דא קיין גרויסין דרוש ניט מאכין, דאס קען מען אליין פערשטיין אז אין אזא גרויסע שטאט גיפינען זיך כל המינים בעלי מלאכות אונ דיא שניידער זיינען דיא גלאנצע, זיי מישין זיך אביסל אין קהל טאמערין אביסל אונטער דיא שטאט איבער הויפט שפילין זיי אראליע ביי אוריבאר אז מ'דארף אויס קלייבין אקאזיאנעם רב אצלען אין דומע, אספעראנסטע, דאמאלס קוקט אגרויסע עדה אף דיא נעמן, עס פאלין נעבאך טויזענדער פון די, דען עס גייט ניט איבער איין נאכט וואס מיא מאכט פאר זיי קיין ווערשערקעס ניט, אז גאט גיט נאך אז עס שטעלין זיך צוויא ראבינער אדער צוויא גלעטס סטארעסטעס אפין ווייבאר, דאמאלס באדין זיי זיך אין בראנפין אונ אין נענז. נאר ניט דאס בין איך אויסין דיא אלע הערקער וואס איך וועל גישריבין זיינען נאר ניט דיא אקדמה צו מיין ראמאן.

דער שידוך.

דאס איז געוועזן אין דעם יאהר 186.... ווינטער אין דעם מאנהייט סענטיאבר, עס איז געוועזן זייער אפינצטערע נאכט, דיא הימיל איז געוועזן צו גידעקט מיט שווארצע אונגעהייער גרויסע וואלקין, דיא גאסין זיינען געוועזן פול מיט שנייא, אשטארקר פראסט האט געגליטצערט אונ האט גישיינטין וויא מיט מעטעארים דעם געזיכט פון אלע דורכגייער, אין דער נאכט זיינען געזעסין אין אהויז לעבין דער ניפסקער שול צווייא מענטשין אונ האבין גירעדט, איינער איז געוועזן אמענטש פון א יאהר 50 אהויכער, אדיקער מאנספארשוין, גיקליידעט אביסיל נאך היינטיגער מאדע, דאס הייסט די הויזן איבער די שטיפעלן, אונ דער אנדערער איז געוועזן גיקליידעט מיט אלע בערעקלאך וויא אאיד פון דר אלטער וועלט ער איז געוועזן אמענטש פון אייאר 40 אשצופלער אדארער די האר פון בארד אונ פון קאפ זיינען געוועזן געל וויא יום כיפורדיגע וואקס, דער נאז איז ביי אים געוועזן שפיציג אונ אביסיל פערדרייט צו דער לינקער זייט.

איר פאלגט מיך ר' חיים — האט גיזאגט דר געלער — אויב איר ווילט אייער טאכטער גליקליך מאכן קאנצעט דעם שידוך דס איז פר איהר אגליק.

איך זעה נאך לעת עתה דעם גליק ניט ארויס ר' לייב — האט גיענטפערט חיים.

וואס הייסט? מידארף דען בעסר, איונגער מאן איירא שמים אשיינער פארשוין אונ האט — וואס קומט מיר ארויס פון אלע גישעפטין — ער האט דאך טאקע צווייא טויזנט רובל בארעם געלד.

אויב דאס איז ריכטיג אז ער האט צווייא טויזנט רובעל אזוי וויא עס איז אמת וואס ער איז שיין אונ קלוג קען איך גלויבין אז ער האט אקאפיקע ניט — האט גיענטפערט חיים מיט אגילעכטער פערדרייכענדיג אציגאר.

הלעבין איך ווייס ניט וואס ווילט איר ר' חיים — האט גיזאגט ר' לייב מיט פערדרוס — ווייזט מיר וואו געפינט איר אין ניפסק קליגערע אונ שענערע פון אים, ער איז ניט אזוא הויך? זעהט איר דאס איז טאקע אגרויסע דאגה אבי דער מזל זאל זיין הויך וועט זיין אלץ נישקאשע, ווייטער וואס זאגט איר מיר עפעס קלוג, איך זאג אייך אז ער וועט נאך אריין גארין אין זאך אלע היינטיגע היטראקעס, איך ווייס ניט אויף מיינע אידעשקייט וואס ווילט איר, פערגעסט ניט צווישן זיך ריידנדיג אז אייער חנה איז שוין ניט

קיין

קיין יונגע מיידיל, אונ היינטיגע צייטען איז דאס אגרויסער פעלער.

פאר קערט היינטיגע צייטין איז דאס גאר קיין פעלער ניט, היינט זיינען שוין גיקומען דיא אידעלאך צום שכל אז אוייב דארף מען נעמען אמענטשין ניט קיין קינד וואס ווייס ניט פון דאנען אהין, איר פערגעסט ר׳ לייב אז מיין חנה איז גאט צו דאנקן מיט אלע מעלות שיין קלוג גילערינט אבאלאבאסטע אין שטוב, אונ דער צוא גיב איך געלט אויך גינוג.

דאס איז טאקע אלס אמת, אבער זאגט מיר דיא פריצינע פאר וואס ווילט איר יוסיל ספרינצעס ניט, עס מוז דאך עפעס זיין אין דעם.

דיא מעשה איז גאר פראסט, יוסיל איז איונגערמאן אווייל לערנער איך האב פיינט צוא זאגין. אבער דער מענטש איז קיין מענטש ניט, ער איז זייער ניט קלוג אגרויסער פלוט אונ דער צוא אמיאוסע בישעפעניס אויך מיין חנה וועט אויף אים ניט וועלין אקוק טאן.

וויא הייסט זיא וועט ניט וועלין אקוק טאן? — האט לייב גיזאגט אשמעק טאנדיג טאבאק וואס איז דאס פאר אווערטער וויא קומט דאס צו אייך ר׳ חיים, וויא קומט אייערע אטאכטער מישין זיך אין אין שידוך, חלעבין אחרפה וואו האט מען דאס גיהערט אז איין אידעשע טאכטער זאל זאגין אדיעה אין דעם שידוך וואס מירעט איר.

אונ פאר וואס זאל זיא זיך ניט מישין? — האט חיים גיענטפערט ויא דארף דאך מיט אים פערברייגען דיא יארן, ניט איך, ביי אזאך וואס דר גאנצר לעבן הייגגט אן דעם מעג זיא זאגן אגאנץ ברייטע דיעה, אונ וועז אפילו זיא זאל זיך ניט מישין דארף איך איר אומגליקלך מאכין? פאר וואס קומט דאס איר נעבאך?

איר מאכט איר אבער גליקליך ניט אומגליקליך, אזא יאהר זאל איך האבין וואס פאר אחתן דאס איז אזעלכע חתנים זאל איך זוכה זיין געבין מיינע טעכטער רב״ש״ע.

וועמען דער ציילט איר מעשיות ר׳ לייב, מיר? איר דארפט וויסין אז איך קען יוסלען אויס גיבונדן, איך זאג אייך אז דאס איז אשטריק ניט קיין גליק.

אין די רייד האט זיך אופגיעפינט אטיר פון אצימער אונ אפרוי פון איאר 45 איז אריין גגאנגען אין זאל וואו די צוויי מענשן זיינן גיזעסין, די פרויא איז גיוועז אגאנץ דיקע אונ ניט קיין מיאוסה זיא איז גגאנגען אנגיטאן אינגאנץ נאר זייער ריין ארום זיך, איר גזיכט איז גוועז אביסלער אונ אדיקער

עס איז גיוועזן ליבט צוא דער קענען אז זיא פאסט קיין תעניתים ניט.

שא אט איז רחל — האט דער שדכן גיזאגט — מיר וועלין הערין וואס וועט זיא זאגין דאכצאך אז איר וועט דאס זייער גיפעלין.

רחל האט זיך אנידער גיזעצט נאנץ ברייט אף אפאטער שטול וואס איז גישטאנען לעבין טיש, און מיט אגילעכטער האט זיא גיזאגט מיא דארף צוא ברעכין דיא אייוין עפעס אגאסט איז דא ביי אונז מיא זעהט איך גאר אין דיא אויגין ניט אן ר' לייב.

וויא אזוא זאלט איר מיר אן זעהען אין דיא אויגין אז אייער מאן זאל גיזונט זיין וויל אראפ נעמען פאר זיין טאכטער דעם כלה איביל — האט לייב גיענטפערט — עס איז דאך אפערדרוס חלעבין איך ברייננ אזא בורלאנטענעס שידוך און ער מאכט דער פון גאר אפע.

אט מאלע וואס ער וועט איך זאגין — האט רחל גיענטפערט — איר קענט דאך שוין זיין שגעון ער האט ליב פון יעדר זאך מאכן אש דרציילט מיר אקאר ר' לייב מיט וועמען איר רעט מיין האנען אויב עס איז עפעס רעכנטס וועט מסתמא זיין רעכט.

איך רייד איך מיט שפרינצע דער שווינקערינס זון מיט ר' יוסלען אייגנער מאן אלמדן מופלג זיין גלייכן איז דא אין שטאט ניטא. ער מעג זיין ארב אין דער גרעסטער שטאט און דער צו איז ער אגרויסער מושלם און האט צוויא טויזנט רובל מזומן געלט, דארף מען בעסער, און אייער מאן ברעקילט זיך נאך.

וואס ארט דאס אים? — האט רחל גיענטפערט אקוקטאנדיג אפין מאן מיט ביסטרע אויגין — עפעס דיא קאפ טוט אים אפנים וויא וואס זיין מויד איז שוין אלט 20 יאר. ווארט נאר אביסיל דו נאר, זיא וועט דיר נאך אנמאכין חרפות ביושים, אז דוא וועסט אפין גאס ניט קענען ארויס, די שטאט וועט דיר אייננ זיין.

אויף מיינע נאמנות איר רעט וויא אחכמה — האט לייב גיענטפערט מיט פרייד — היינטיגע צייטן איז אמורא צו האלטן אמיידיל ביז די יארן....

איר מיינט איר וועט עפעס מיט אים אויס פירין? — האט רחל גיזאגט מיט כעס — נעמט עפעס די וואנד, אזוא נעמט אים, ער איז ניט בעסער פון דר זאך און זיא איז ניט בעסר פון אים, עס פערדריסט אים וואס זיא האט נאך קיין כבוד ניט גיהאט פעציה דוא נאר פון איר וועט זיין אזא סוף וויא פון בירקעס טאכטער, אקלאג וועט פערגיין נאך איך ביידן אין גיכע צייטן!

דוא האסט שוין גיעפינט דיין מיילכעלע — האט חיים גיזאגט מיט איין איינגעהאלטענעם כעס — מאך צו דעם טול ועסטו בעסער מאכין.

צו מאכן וועט זיך אויף דיר אקבר אין גיכע ציימן דו עוכר ישראל וואס מיינסטו זיך דר אמתן דו וועסט פערשווארצן מיין משפחה? אקריינק דיר אין קאפ, דו וועסט דאס ניט דר הארן, חנה טוז חתונה האבן די צייטן, איך זאג דיר צו, אז איך וועל אנטלויפין וואו די אויגין וועלין מיר טראגין, איך קען דאס שוין ניט זעהען, דו קריינקסט נאגצענע טעג ערגעץ אנדערש ביי דיינע מוידין אונ איך זיין אין שטוב אונ דארף זעהן, וויא דיין טייערע לוד (מויד) שושקעט זיך מיט יונגע לייטעלאך, אונ איז מיט זייא שו שו מושו שו שו, ניין! די וועלט טעג אונטער גיין, דער שידוך טוז זיין!

אט טאקע דער פאר וואס דו האסט זיך אזוא צופלאקערט, וועט דר שידוך ניט זיין פאר קל הגעלטין ניט — האט גיענטפערט חיים, אופשטייענדיג פון ארט.

פלאקערין זאל דיר אין דיין טרייפע הארץ, ניט דיין זאלסטו אויף דער וועלט מיט דיין מאכטער צו זאמען — האט רחל גישריען אויף איר ביי קעלכיל — דו מיינסט אין אמתן, אז איך וועל פון דיר אזוא פיל ליידין? איך האב שוין קיין כח ניט, דו האסט מיך שוין פערטמשעט, איך וועל דיר אפטרעטין טאקע מארגענדיגען טאג, איך דארף דיך אף צעהן טישעצע כפרות, איך וועל אוועק פארין צוא דבורן, אונ דוא וועסט דא אליין גיבוועו, אליין קריינקען מיט דיין זאך צוא זאמען.

זיא האט גיסאכט אזעלכע גוואלדין, אז צווייא מענטשין, וואס האבן שוין לאנג גישלאפין, האבן זיך אויפגיכאפט אונ זיינען ארייגעלאפין דער שראקענע אין זאל.

אבימעלע הארץ.

די צוויי מענטשין וואס זיינען אריינגילאפין, זיינען גיוועזן איין יונגער מאן פון איהר 25 מיט אשיינעם אריסטאקראטישען אויסזיכט אונ אמעדכען פון איהר 19 שיין וויא דיא זון; זיא גיוועזן פון מיטעלין וואוקס זייער איידיל אונ צארט; איר גיזיכט איז איז גיוועזן קיילעכדיג, ווייס אונ רויט, ווי אשיינער עפיל. אפאר שווארצע אויגין האבן גיפינקעלט ווי צוויי שטערין, שווארצע לאנגע האר האבין אראפ גיהאנגען כמעט ביז דיא זייטין, מיט איין ווארט זיא האט אוים גיזעהן, וויא דיא נעטין דער שענהייט.

וואס האט איר זיך דער שראקין קינדער! — האט חיים גיזאגט צו

זיא — איך קענט נאך ניט אייער מייערע מוטער, אז זיא ווערט משוגע, גייט לייגט זיך צוריק אויף אייערע געלעגערס.

לייגן זאלסטו זיך אויף אגעלעגער, אז קיין דאקטער קיין רופא זאל דיר ניט העלפין, משוגע זאלסטו ווערין פאר אלע אידין אונ פאר אלע גוים מאטע הארציגער — האט רחל גישריען.

איך בעט אייך ר׳ ליב — האט חיים גיזאגט צום שדכן — איך בעט אייך גייט אהיים, אז איר וועט האבין עפעס ארעכטין ענין וועט איר צו מיר קומען, די סחורה פערקויפט אימעצין אנדערש ניט מיר, אונ ריידינדיג איז ער ארויס גיגאנגען פון זאל אונ איז אריין צו זיך אין כפאלגע, האט זיך פערשפארט אונ גיליינט שלאפין. רחל האט גישריען אהיבשע צייט, אונ אז זיא האט זיך גוט אנגעשריען, איז זיא אויך אוועק גיגאנגען שלאפן; דער שדכן נאכדעם אז ער האט עפעס גירעט מיט דעם יונגען מאן איז ער אוועק גיגאנגען. אויך די מעכבען איז אריינגיגאנגען צו זיך אין צימער, אונ נאך אין איינינע מינוטין איז צו איר אריין דר יונגער מאן אונ האט זיך גיזעצט אנטקעגין איר זייער אומעטיג אונ פר זארגט.

דא האט גמוזט זיין עפעס אניים? — האט גיזאגט די מעכבען צו דעם יונגען מאן.

עס איז פאראן וואס צו הערן זייערע נארישקייטן —הט ער גיענטפערט.

וואס האט דיר דער סמארקאטער שדכן גיזאגט יוסף? — האט זיא גיפרעגט —

אט פרעג גאר ניט מיין שוועסטער, נארעשקייט אונ נארעשקייט ווייטער גאר ניש.

פארט וואס האט ער דיר גזאגט וואס האסטו מורא צו זאגן — וואס ווילט זיך דיר אזו וויסן חנה? — האט יוסף גיענטפערט — איך זאג דיר אז דו וועסט קיין פערגעניגן ניט האבן הערינדיק אז ער רעט דיר אשידוך מיט.

מיט וועמען? האט חנה גיפרעגט ניט ארא פנעמענדיק די אויגן פון איהר ברודער.

מיט וועמען, פרעגסט נאך מיט וועמען, דארפסט אליין פאר שטיין אז מיט אפליאגע אצארט.

דייר ווערטער מיט וועמען רעט ער מיר? וואס ציטערסטו צו זאגן. מיט יוסיל שפרינגעס דער שיינקערינס —האט יוסף גיענטפערט.

חנה האט ניט גיענטפערט איין ווארט, נאר די אויגן זיינען ביי איר גיווארן פול מיט וואסער.

דערנאך

וועהסטו דו האסט זייער געוואלט וויסן ווער איז די מתנה — האט יוסף געזאגט — אונ איצט האסטו עגמת נפש דער פון.

חנה האט ניט געענטפערט זיא האט מער ניט אפגעווישט מיט איר ווייסע טיכעלע אירע נאסע אויגן, אונ א ביטערער זיפץ איז ארויס פון טיפן הארצן.

פון דעסט וועגן נעם זיך ניט אזוא צום הארצן נארוניא — האט יוסף געזאגט — דאס איז דאך מער ניט וויא א נארעשקייט וואס דער פארשיווער שדכן האט זיך ערלויבט צוא ריידן.

אך וויא אונ ווינד איז מיר! האט חנה געקלאגט — ביי וועלכע שטופע איך האלט שוין אז מיא האט מיר אנגעהויבן צו ריידן אזעלכע שידוכים, אונ וואס מיינסטו וועט זיין מיין סוף, איך וועל סוף כל סוף פארט אריין פאלן צו אזא מארט פליאגע. דאס איז עפעס אשפאס, אז מיא האט אזא מוטער וואס וויל נאר פטור ווערן פון אירע קינדער האטש אין טייך אריינווארפן זייא, עס איז שלעכט מיט מיר איך ווינש מיר פון גאנצן הארצן דעם טויט, איינמאל פטור ווערן פון אלע צרות אונ אסוף.

רייד ניט קיין דומהייטן חנה — האט יוסף געזאגט — פאר געם ניט אז דוא ביזט נאך יונג, דוא קענסט גאר ניט וויסן, וואס מיט דיר וועט זיין; דיר קען טרעפן אזא גליק, וואס דו ריכסט זיך גאר אליין ניט אויף אים.

ניין איך האף גאר ניט אויף קיין גליק — האט חנה געענטפערט אונ אירע טרערן האבן אנגעהויבן צו פלייצן, וואס ווייטער שטארקער אונ שטארקער — איך ווייס אז איך בין אומגליקליך אויף אימער אונ אייביג, פאר מיר איז איין גליק, דער טויט ווייטער גאר נישט.

יוסף האט איינינע מינוטן געקוקט אויף זיין שוועסטער, האט איר אהיפשע ווילע בעטראכט אונ האט געזאגט: חנה! איך וועל דיר עפעס פרעגן, נאר זאג מיר די ווארהייט, דו ליבסט שוין יעמאנדן?

רייד ניט קיין נארעשקייט יוסף — האט חנה געענטפערט שטארענדיק זיך מאכין אפריילֿיכין געזיכט, אבער זיא האט ניט געקענט, עס איז גרינג געווען צו דער קענן אז יוסף האט אנגערירט אן זייער אריהרענדע שטרונע.

דו נאר מיר נאר ניט, מיין שוועסטער, פערגעס ניט, אז איך בין דיר איינציגער אויף דר וועלט, וואס פאר מיר מעגסטו אלע דיינע געהיימניסע ענטדעקן — האט געזאגט יוסף.

חנה האט געשוויגן, האט ניט געענטפערט אווארט

איך פערשטייא גאנץ גוט אז אין דיין הארצין ליגט אשלאנג וואס גריזעט דיר זייער, מיין שוועסטער—האט יוסף וויטער גיזאגט—איך וויל דיר ניט אפטרעטין, דוא מוזט פאר מיר אלס ענטדעקין טאמער וועל איך דיר מיט עפעס קענען העלפין, דו ווייסט דאך אז פון דיינט וועגין איז מיר קיין זאך ניט שווער צו טאן.

חנה האט זיך שוין ניט גיקענט איינהאלטן, זיא איז גיפאלין דעם ברודער אויפין האלז אונ האט אים בעוואשין מיט אירע טרערין זיא האט אווארט ניט גיקענט אויס ריידין פון גרוס חליפען אונ קלאגין.

דער לעזער וואס האט איין מאל אין זיין לעבין גיהאט עפעס אגרויסע בעהאלטענע זארג קען זיך פארשטעלין די סצענע ווי עס איז בשעת מעשה אז מיא טרעפט זיך מיט דעם איינציגין מענטשין וואס נאר פאר אים קען מען אויס ריידין דאס הארץ, מיא קען ווירקליך ניט ריידין פריער מוזין די וואסער אויס רינען וואס אין זייא איז גיוועזן אזא צייט פערזונקען אונ פערטרונקען די ביטערע וועלע אונ דר נאך ערשט ווערט אביסעלע גיראמער אונ מי קען אן הייבין צו ריידין.

אויך אונזער חנה נאך דעם אז זיא האט זיך גוט אויס געקלאגט אויף דעם ברודערס האלז האט זיא מיט מיהע אויס גירעט די ווערטער: העלף מיר ברודער, איך בין אומגליקליך איך ליב אזא מענטשין וואס קיין האפענונג איז פאר מיר ניטא איך זאל קענען זיין זיין פרויא.

אונ ווער איז דר מענטש? האט גיפרעגט יוסף וואס אויך ביי אים האבין זיך גישטעלט טרערין אין דיא אויגין דען קיין זאך קען אזוי אויף אמענטשין ניט ווירקין וויא יענעמס טרערין אונ בפרט אז יענער מענטש איז מיינער אבלוט פריינד וואס איך ליב אים פון גאנצין הארצין.

דאס איז גאלדגלאנץ דער ראבינער, האט חנה גיענטפערט מיט אביטערע שטימע.

* * *

גאלדגלאנץ דער ראבינער איז גיוועזן איינגער מאן פון איאהר 30, ער איז נאך קיין ראבינער אין ניפסק ניט גיוועזן נאר ער האט ערשט גיזעלט ווערין, עס איז ערשט 2 וואכין אז ער איז גיקומען אין דער שטאט, דען אניפסקר גביר האט זיך מיט אים גיטראפין אין וועג אונ ווייל ער האט ביי אים זייער אויס גינומען האט ער אים צוא גירעט אז ער זאל פארין מיט אים אין ניפסק אונ האט אים צו גיזאגט אז ער וועט זיך

שטארין

שטארין אים מאכין פאר ארַאבינער אין זיין שטאט וועלכע איז שוין צייט 2 יאהר אן אנובערסקין רב. גאלדגלאנץ האט טאקע גראדע גיזוכט אשטעלע דען ער האט ערשט גיענדיגט אין זיטאמיר די ראבינער שול דארום האט ער קיין 2 ווערטער ניט איבער גירעט און איז גיפארין דער גביר וואס הייסט מיטין נאמען יעקב לאהשינסקי האט אים דער וויל צוא גינומען צוא זיך אין שטוב האט אים גיגעבין סטאל מיט קוואטיר און האט פראסט דעם לעבין גילייגט מאכין גאלדגלאנצין פר ארַאבינער. אבער ניט אזוי גיך איז ער פארטיג גיווארין דען חאטש כמעט אלע גרעסטע פון גיפסק האבין גיהאלטין פאר גאלדגלאנצין דען ער האט ביי זייא זייער אויס גינומען וויל ער איז גיוועזן אציכטער גראף — וויא די פרויען האבין אים אנגירופין, ער איז גיוועזן הויך וויא אצעדער בוים אשיינע שווארצע באָרד קיילכדיק נאך דער לעצטער מאדע האט ארום גינומען זיין פולע קלארע גיזיכט און האט איהם גיגעבין איין אויסזיכט פון אהעלד. בקיצור גירעט ער איז גיוועזן זייער אשיינער מאנספערזאן און דער צוא איז ער גיגאנגען גיקליידעט עכט ארָאפייאיש אין אקורצין פראק אהוט, אוַוייסע העמד וויא גיפאלענער שנייא און ברילין אויך דער צוא, היינט אויסער דעם האט ער גיהאט זייער אשיינע און איין אנגענעהמע אויסשפראכע, ער האט גירעט רוסיש דייטש זייער ריין און גלאט, דערום האבין מיט אים גיהאלטין אלע פרויען און אלע גבירים, אבער אנטקעגין זייא האבין זיך גישטעלט אלע דובאָוונע מיט דעם פראסטין נארָאד און האבין אים בשום אופן ניט גיוואלט מאכין פר קיין רב אין זייער היליגער שטאט. די האבין גיזאגט אז ער וועט אלימען צו שטאדין אנדערע האבן גיזאגט אז ער וועט מאכין אקאהרשול אדער גאר אהוז וואס פאסט ניט צו דער מאגען. און צום אונגליק איז נאך גראדע אנגיקומען דאמאלס נאך איינער וואס האט מער אפילו ניט גיענדיגט וויא פערטהאלבין קלאסן אין ראבינער שול, ער האט אבער באוויזין אזאקאן אז ער טעג זיין ארַאבינער און דער פראסטער נאראד מיט אלע קלויזניקעס האבין גימאכט יד אחד מ'זאל נאר מילנערין מאכין פאר ארַאבינער און גאלדגלאנצין בשום אופן ניט.

זייער אלעמענס רייד וואלט אפילו קיין ברעקיל מאכט ניט האבין, נאר מיט די פראסטע מענטשן האט גיהאלטין איינער ארעכטער מענטש וואס האט איבער גיוואגן אלע גבירים אויך. דער מענטש האט זיך גירופין חיים פירענסקי, ער איז גיוועזן אין אדוואקאט אגרויסער קענער אין זיין

זאך

דאך אונ אגרויסער חכם. ער האט דיא גאנצע שטאט געהאלטין אין זיין האנט אונ האט זיא גיקערט וואו הין ער האט גיוואלט, די גבירים האבין גוט גיוואוסט אז זייער גאנצע טירחא וועט זיין לאבוד אויב פירענסקי וועט זיין אגעגנער, דערום האבין זייא זיך געשטארעט ציהען אים צוא זיך, אונ גאלדגלאנץ אליין איז פיל מאל גיקומען צוא אים בעטין ער זאל אים ניט טאן קיין שלעכטס, אבר דאס האט אלס ניט געהאלפין, פירענסקי האט איהם ניט גיוואלט אונ האט גיהאלטין פאר מילגערין, אונ צדדים האבין גישטריטין זייער מוטהיג.

אט אין דער סומאטאכע האט זיך חיים פירענסקים טאכטער פאר ליבט אין גאלדגלאנצין זיא האט אים אפאר מאל גיזעהן ביי איר פאטער אין הויז, אונ זיא איז גיווארין באטרונקן פון דר ליבע, זיא האט שטענדיג אים פארגישטעלט אנטקעגין די חתנים וואס מיא רעט איהר אונ דאס הארץ איז איהר צושפרונגען פון זארג, זיא איז ארומגיגאנגען וויא אדולע אונ האט זיך קיין ארט ניט גיפונען, אונ נאך מעהר האט איר וויא גיטאן דאס דארץ זעהענדיג אז גאלדגלאנץ האט נאך קיין מאל אויף איר קיין רעכטין קוק ניט גיטאן, זיא האט גירעכינט אז דאס קומט וייל זיא גיפעלט איהם ניט אוך ער אונוואזעט איר ניט.

אז חנה האט גיזאגט דיא ווערטער איך ליב גאלדגלאנץ דעם ראבינער איז איר ברודער יוסף זייער דער שראקין גיווארין „חנה" — האט ער גיזאגט מיט אציטערדיגע שטימע „חנה"! אום גאטעס ווילין וואס רעדטסטו דאס? דוא פערגעסט אז אונזער פאטער איז גאלדגלאנצין איין בלוטיגער פיינד אונ אונזער טייערע מוטער וועט בעסער וועלין דיך דער ערד אפ געבין איידער צו דעם מענטשין וואס איז ביי איר פערעכינט פאר איין אפיקורוס פאר אמשומד, פאר אכלבוניק.

איך וייס דאס זייער גוט ברודער — האט חנה גיענטפערט וישינדיק זיך די טרערין — אונ דאס איז טאקע מיין קלאג, איך וייס אז איך קען ניט זיין גאלדגלאנצס ווייב דען ערשטינס וועט ער מיר ניט וועלן, אונ צווייטינס וועלן אים וויא זאגסטו אונזערע עלטערין ניט וועלן, עס איז ניט מיר זייער שלעכט ברודער, איך בין אומגליקליך אויף אייביג, דען קיין אנדערער אויסער גאלדגלאנץ וועט מיר ניט גיפעלין ניט נאר יוסיל טפרינצע דער שיינקערינס אפילו אפרינץ אפירשט וועט מיר שין ניט גיפעלין.

יוסף האט גיקלערט אמינוט אונ האט פלוצלונג גיזאגט מיט פרייד

איך

איך האב איין עצה מיין שוועסטער. דוא וועסט זיין גאלדגלאנצעס ווייב, הא? — האט רינה אגעשריא גטאן אוסער זיך פון פר וואונדערונג — איך וועל זיין גאלדגלאנצעס פרויא, דוא ווייסט וואס דו רעדסט יוסף — איך ווייס וואס איך רייד און דו וועסט האבן מארגעדיקן טאג אסימן.

אחיטרע עצה.

עס איז געוועזן זייגער 11 פאר האלבין טאג, אפין גאס איז געוועזן המארגע און שטארק קאלט, דיא ניפסקער איינוואונער זיינען שוין געוועזן אויף די גיס, דיא קרעמער זיינען שוין פון דרייא שעה געזעסין אין דיא קראמען, דר איז געזעסין איין אופגעקארטשעטער און איין אופגעהארבעטער אין זיין קאפטין דיא הענט פערשטעקט איינע אין דיא אנדערע און דער נאז איז געוועזן רויט וויא אבוראק, דער אנדערער איז געזעסין און האט גיהאלדזט אין דיא הענט אפייערטאפ מיט הייסע קוילין, דער פנים איז געוועזן דורכאוים פערפולעט און פערשווארצט פון די אש וואס איז אף אים געפאלין בלאזענדיג. דארטין איז איין קרעמר ארומגילאפין איבערן קראם הין און צוריק און האט זיך צוא גיטאנצט, איר מיינט וויל עס איז אים זייער פריילך אפין הארצין, ניין, עס איז אים פראסט קאלט אין דיא פיס, דיא גאסין זיינען געוועזן פול מיט מענטשין וואס האבין גיבראדזעט איבערין האלז אין שנייא.

צווישין דיא מענטשין וואס גייען דארטין אין פעטערבורגער גאס גייט אונזערער אבעקאנטער, איר דארפט נאר אקוק טאן אף זיין שפיץ נאז וואס איז פערבייגין דער לינקער זייט, וועט איר גלייך דער קענען אונזער שדכין רבי ליב, איר זעהט וויא ער לויפט אן איין נשמה, דיא פאלעס פון זיינע לאנגע צווייא קאפטינס וואס ער האט אויף זיך ארויף גישלעפט האבין שוין אין זיך גיווישע צעהן עבער וואסער און ער גייט זיך זיין וועג, אין דער רעכטער האנט האלט ער ארויסע פאטשיילע מיט וועלכע ער קנייפט אלע מינוט זיין ליבטיגען נעזעלע.

רבי ליב! רבי ליב! האט אים איינגער מענטש נאך גישריען פון הינטין, דער יונגער מענטש האט שוין אין זיך גיהאט גיוויסע 35 יאהר ער איז געוועזן זייער נידעריג און דיא צילענדער הוט וואס איז גילעגין אויף זיין קאפ איז געוועזן העכער פון אים, ער איז אפילו געוועזן ארום גישארין נאך הייגטיגער מאדע פון רעכטע וועגין איז גילעגין קלוינגער אויף יעדער

מינע, זיין פּאז איז געווען אגאנץ ברייטער אונ אז ער האט אשמעק געטאן טאבאק האט זיך געהערט אחראפ פון אשלאפעדיגען מענטשין.

דער שדכן האט זיך אויסגעקוקט אונ אז ער האט דער וועהען דעם מענטשין האט ער זיך אפגעשטעלט אונ האט געזאגט: נישט רבי יוסיל מיר וועלין נאר נישט אוים פירין חיים פירענסקי וויל בשום אופן ניט דיא ווייב וויל אפילו יע נאר דער פון וועט גאר נישט זיין.

יוסיל איז ווייטער דער שראקין געווארין אונ האט געזאגט, איר האט דאטש גערעט אמ'ס וויא איך האב אייך געהייסין?

מיט 20 פּריצענט מעהר – האט דער שדכן געענטפערט — נאר עס איז אלץ ארויס געווארפין מיא דארף אוים זוכין פאר אייך עפּעס אנדערש געשקאסע איר וועט קריגין אכלה.

רבי ליב קרוין! האט יוסל געזאגט אנגעמענדיק אים ביין האנט איך וועל אייך אפּ געלטין אבי פירט מיר אוים דעם שידוך איך וועל אייך...

וואס קומט ארויס פון דיא רייד – האט דר שדכן געענטפערט – איר וועט מיר אונ איר וועט מיר שיט מיר אן מיין שטוב מיט גאלד וועל איך אייך גאר נישט קענען העלפין, אז ער וויל פארט ניט אמעשה זאל איך אים אן טאן? וואס? אונ ריידינדיג איז ער אוועק געגאנגען אונ האט געלאזט רבי יוסלען נעבאך שטיין וויא איין אפגעשטימטענעם אין מיטין גאס.

רבי ליב איז זיך אהיא געגאנגען זיין וועג ביז ער איז געקומען צוא דעם גביר יעקב לאהשטנסקים שטוב.

אין דער שטוב איז געוועזן אשמיקיל אסיפה פון גאלדגלאנצער, כמעט דיא שענסטע מענטשין פון ניפסק האבין זיך צוא זאמען געקליבין מישב זיין זיך וואס טוט מען אונ וויא זאל מען זיך בעגיין אנטקעגין חיים פירענסקי וואס שטייט דא וויא אביין אין האלז.

איר דארפט גאר פאר אים קיין מורא ניט האבין – האט איינער געזאגט – וואס קען אונז חיים טאן מיר זייגען דאך דא די קעפ אונ וויא מיר וועלין וועלין אזוא וועט דאס זיין.

איר רעט וויא אקינד האט קיין פּאראיביל ניט רבי צדוק – האט איינער פון דר אסיפה געענטפערט, איהר ווייסט דען ניט אז חיים פירענסקי האט אגרויסע ווליאניע אויף אלע בעלי בתים זיי זיינען אין אים פערגליבט וויא חסידים אין אחסידעשין רבין, אז ער וועט הייסין, ווארפין זייא אלע שווארצע גאלקעס אויף גאלדגלאנצין, אונ וועט אפילו מי נעט אים שוין

וויא

וויא עס איז אויס קלייבין ווערט ער אונגיסטאזיען דעם ווייבאר , איר ווייסט דאך אז ער איז אימחשמונגיק ער האט אקאפ פון אמיניסטער .

וואס קומט ארויס עס איז זייער אשלעכטע מעשה מיט פירענסקין האט דער גביר לאהישינסקי געענטפערט - כל זמן ער וועט ניט זיין אין אונזער זייט איז אונזער מיה בלאטע .

מיט וואס זע קענען מיר אים ברענגען צו זיך ? - האבין אלע אין איין קול גיפרעגט - ער איז דאך איין אייזערנער מענטש , שטעלט ער זיך אויף אזאך וועט מען אים שוין ניט אפשפארען . - אין מיטין דיא רייד האט זיך אופגיעפינט דיא טיר אונ רבי לייב דער שרבן איז אריין , ער איז זייער פאר שעמט גיווארין אז ער האט דר זעהען די סאברניע , ער האט זיך גיוואלט ארויס חאפין צוא ריק נאר דער ווירט האט אים אין דער מינוט אפרעג גיטאן : וואס האט איר גידארפט רבי לייב ? - אט גאר נישט - האט דער פערשעמטער שרבן געענטפערט - אט איך האב עפעס גיוואלט . . . אט גאר נישט איך האב גידארפט דארטין עפעס איך וויל עפעס ריידין צווייא ווערטער מיט . . . - מיט וועמען ? האט גיפרעגט לאהישינסקי מיט אשמייכיל . - אט גאר נישט , איך האב . . . נאר לאז זיין אויף איין אנדערש מאל . - רעט רייניע ווערטער מיט וועמען האט איהר גידארפט ריידין מיט וועמען מיט מיר ? - ניין אט איך וויים דארטין אקלייניקייט האב איך גיוואלט זאגין דעם הערין גאלדגלאנצין . - גאלדגלאנצין ? האבין עטליפע אפרעג גיטאן . - יא דעם הערין גאלדגלאנצין אקלייניקייט נאר זאל זיין אויף איין אנדערש מאל . - גאלדגלאנץ איז אין דר מינוט ארויס ער וואט דעם שרבן ניט גיקענט דערום האט ער גימיינט אז ער דארף אים עפעס צוילין ווען זיין אינטערעס קומט ארין זייט מוחל , האט ער גזאגט צו ר לייבין אנגעמענדיג אים ביים האנט , קומט אריין אין דעם צימר אונ זאגט מיר וואס ווילט איר , אונ ריידינדיג איז ער אריין אין איין זייטיג צימר אונ דר שרבן נאך אים . - וויס קען ער צו אים דארפין ? האבין די אסיפה מענטשן גפרעגט איינר דעם אנדערין . - אפשר רעט ער אים אשידוך , האט איינר גזאגט מיט איין גלעכטר . - אויף דעם געלן שרבן איז קיין קשיא ניט עס קען זיין אז אים איז עפעס ארייגפאלן אונ ער איז דאס גקומן צו לויפן ווי איין פר סמטע מויז . - האט דר ווירט גזאגט . - אין איינגע מינוטין איז ארין גאלדגלאנץ מיט דם שרבן אונזער לייבקע איז אויס עפעס אומעטיג פון שטוב אונ גאלדגלאנץ איז צו גגאנגן צו זיינע מענטשן אונ האט גזאגט מיט

מיט אשמייכל איך וועל אייך דר ציילן אזאך וועט איר לאכן : איר ווייסט וואס דר מענטש איז צו מיר גיקומען ריידין מיר אשידוך , איר ווילט אפשר ווייסין מיט וועמען זאג איך אייך אז מיט חיים פירענסקי , ער האט מיר גיזאגט אז מיא האט אים טאקע פון יענר הויז גישיקט צו מיר , נאר איך האב אים גאנץ גוט אנגעוזידעלט אונ האב אים פערזאגט אז ער זאל צו מיר נאך אמאל ניט קומען אויב ער וויל האבן כבוד .

איהר האט גיטאן זייט מיר מוחל וויא אפלוט - האט גיזאגט לאהשינסקי – הייסט אום קערן דעם שדכן , אויב איר ווילט זיין ראבינער אין ניפסק . -אלע האבין לאהשינסקין אנגיקוקט מיט פערוואונדערונג , נאר ער האט ווייטער גיזאגט : מיר הארעווען אונ קלערין וויא צו בייגין חיים פירענסקי , אונ אז עס האט זיך גימאכט אמלוצאי מיא זאל אים קענען בייגין אונ אפ נארין פון קאפ ביז די פיס נעמט איר אונ צושמעטערט דאס , ער האט אייך גזאגט אז מיא האט אים גשיקט פון יענער הויז ? גוט ענטפערט דורך אים אז איר זייט זייער צופרידין אונ איר ווילט דעם שידוך , אונ דער נאך אז איר וועט ווערין חייםס אחתן אונ ער וועט אייך העלפין איר זאלט ווערין ראבינער וועט איר אים אריינשיקן זיינע תנאים ער זאל וויסן אז עס איז פאראן קליגערע פון אים , איר פר שטייט וואס איך רייד ? —די עצה איז אלעמען גיפעלן , אונ גאלדגלאנץ האט אומגיקערט דעם שדכן ער איז מיט אים אריין צוריק אין צימר , אונ הט אים גפרעגט : פירענסקי וויל געבן געלט ? — ווי הייסט צו ער וויל געבן געלט ? גאט איז מיט אייך ! האט דר שדכן גיענטפערט אפווישינדיג דעם שפיץ נאז , ער וויל געבן 2 טוזינד רובל מזומן איינלייגן טאקי צו די תנאים , איך ווייס ניט וום זייט איר גוואהרן צוו אין כעס . == אזו ? —האט גאלדגלאנץ גיענטפערט — ער וויל געבין צווי טויזינט רוביל ? דם איז דאך גאר אנדערע ווערטער , פאר וואס האט איר דאס מיר פריער ניט גיזאגט . — אז איר האט זיך גאר ניט גילאזט ריידן , הט איר גיהערט ? דאס איז דאך פאר אייך טאקע איין גליק אמיידיל אבורלאנט אונ צוויי טויזינט רוביל דער צו . אך , וואלט מען דאכצאך מיר וועלין געבין דער מיד אליין אן די געלט וואלט איך מיין אלטע די מינוט גינעמט , איך זאג אייך אז פר אייך איז דם אפונדוש . — גוט הער שדכן ! האט גאלדגלאנץ גיענטפערט— האט קיין פאראיביל ניט וואס איך האב אייך בילייריגט דר שידוך גיפעלט מיר יעצט זייער איך וועל מארגין וועגין דעם אריבער גיין צו פירענסקין דאך זאגט מיר די וואהרהייט ווער האט אייך גישיקט

געשיקט צו מיר, ער אליין! —איך וועל אייך זאגן—האט דר שדכן געזאגט — מיר האט געשיקט זיין זון יוסף וואס איז ערשט געקומען צו פארן צום פאטער צו גאסט, און דר יוסף איז ביי דעם פאטער דיא אויג געוויס רעט ער ניט פון דער פוכטער פאס. —זייער גוט, איך דאנק אייך דר פר וואס איר האט זיך מטריח געוועזן אז גאט וועט געבן דר שידוך וועט געקאנצעט ווערן וועל איך אייך בפרידיגן אפין שענסטן ארט האט געזאגט גאלדגלאנץ און איז אריין צוריק אין שטוב. —דר שדכן איז אוועק געגאנגן און די חברה אסימעניקעס האבן זיך לוסטיג געמאכט אויף דעם שפאס וואס זיי וועלין דא מאכן מיט חיים פירענסקי.

דיא אונערווארטעטע ליבע.

גאלדגלאנץ איז אויף מארגן געגאנגן צו חיים פירענסקי, אגאנץ וועג האט ער געלאכט אין הארצן פארשטעלינדיג זיך די ראליע וואס ער האט דא צו שפילין און האט געקוואלן וואס ער קען זיך נוקם זיין אן זיין פיינט, ער האט גאר ביז אהער ניט געוואוסט אז פירענסקי האט אטאכטער דען חנה האט זיך פר אים ניט געוויזין, און אין דר צייט וואס זיא האט זיך זיא געוויזין פר אים האט ער אויף איר ניט געקוקט ווייל ער איז געוועזן זייער פערשעפטיגט אין זיינע אינטערעסן נאר יעצט האט ער בעשלאסין זעהן זיך מיט דער מיידיל און מאכין מיט איר אראזגאוואר כדי ער זאל קענען געשווינד קומען צו זיין ציל.— ער הט פירענסקין ניט דער ווישט אין דר היים, נאר דעם זון וועלכער הט אים זייער פריינדליך אופגינומען און האט אים פאר בעטין צו זיך אין צימער. אהיבשע צייט זיינען זיי געזעסין און האבין גירעט חנה איז אויך ניט געוועזן צו הויז זיא איז גראדע געוועזן ביי איהרע אפריינדין, און אז גאלדגלאנץ האט זיך שוין צו גיקליבן אוועק צו גיין איז זיא אריין זייער שיין אריסטאקראטיש פערפוצט. ניט וויסנדיג ווער דא איז ביי איר ברודער אין צימער איז זיא גלייך צו אים אריין און איז געבליבן וויא צו דו ... דער זעהענדיג פלוצלונג גאלדגלאנצן דארטין.

גאלדגלאנץ פון זיינר זייטע אויך אויך זיך גוואורן דר זעהענדיק אזא שיינהייט עס איז אים גאר ניט איינגיפאלן אז דאס איז דיא מעדכען מיט וועלכע ער וויל דא שפאס מאכין, ניט ווילינדיג האט ער זיך אויף גיהויבין פון ארט און האט זיך גיגעבין אנייג זייער פריינדליך.

איך האב דיא עהרע פארשטעלין פאר איהנען מיין שוועסטער חנה פירענסקי האט געזאגט יוסף צו גאלדגלאנצין וייזנדיג אף חנהן.

דאס איז זייער שוועסטער ? האט גיפרעגט גאלדגלאנץ העכסט פערוואונדערט . —מיר איז אוואונדער — האט חנה גיזאגט —זייא זיינען שוין פיל מאהל גיוועזען ביי אונז אין הויז אונ זיי קאנען מיר ניכט ״ — איך וואונדער זיך נאך מעהר פון זיי אויף דעם וואס איך האב זיי ניט גזעהן די גאנצע צייט , זיי קענן מיר גלויבין דאס איך זעה זיי דעם ערשטן מאל .

חנה הט זיך זייער ערפרייט הערינדיג אז די אורזאכע וום גאלדגלאנץ האט מיט איר קיין מאל גירעט איז ווייל ער האט איר גאר ניט גיזעהן .

—איך האב גירעכינט — הט גאלדגלאנץ ווייטר גיזאגט — אז ביי אייך אין ניפסק זעהט מען גאר ניט אן קיין שיינע פריילינן נאר יעצט זעה איך אז איך האב זיך גיאירט , אונ די שטאדט זאל מער גישט האבן וויא זיי זעלבסט איז זיא אויך ליבענסווירדיג „ — איך דאנק אייך הערצליך פאר זייער קאמפלימענט , — האט חנה גזאגט מיט אשמייכיל — איך רייד דאס גאר אן קאמפלימענטן אונ זיי דארפן זיך ניט וואונדערן וואס איך זאג דאס זיי אין די אויגן ביי מיר איז אזו אנאטור איך האב ליב צו זאגן גוטס צו שלעכטס אלס אין די אויגן— הט גאלדגלאנץ גיזאגט . — ווי דאס איז קומט אייך אדאנק פר אגוט ווארט — האט חנה גיענטפערט . — גאלדגלאנץ האט די אויגן ניט גיקענט אראפ נעמען פון חנהן , עס איז אים שוין ניט קיין שפאס , ער האט שוין אנגיהויבין נירקליך צו קלערין וויא בקומט מען דר שוינהייט פר אפרויא ער האט פר בראכט מיט איר אפאר שטונדן אונ האט זיך ניט גקענט גנוג פערוואונדערין אז אמיידל וועלכע האט זיך גהאדיוועט אין ניפסק זאל זיין אזו ענטוויקעלט אזו קלוג אונ נאך מעהר האט ער זיך גיוואונדערט זעהנדיג אז זיא בעזיצט זייער גוט איינינע שפראך , זיא איז זייער בילעזין אין אלע קלאסישע ביכער .

ווארום בזוכן זיי אונז ניט טעגליך — הט חנה גיפרעגט אם ענדע .

—וויל איך האב ניט גוואוסט אז דא גיפינט זיך אזא אינטרעסנע פערזאן וויא איר זייט — הט גיענטפערט גאלדגלאנץ אקוקטאנדיק אף איר מיט ליבעפאלע בליקין . — זייא שמייכלען מיר סין הער . — אך אום נאטעם ווילען האלט מיך ניט פאר אזא אונמענשין — האט גאלדגלאנץ גיזאגט — אייער מיינונג האט ביי מיר אגרויסע ווערדע , איך וועל אייך שמייכלען , ניין פריילין איך פערגעסער אייך איך עהרע אייך פון טיפין הארצין איך קאן זאגאר מיט ווערטער אזויא פיל ניט אויסריידין , איך ווינש מיר מעהר ניט אז איר זאלט מיך אזויא עהרין וויא איך אייך .

פון מייער זייטע קאן איך אייך זאגן אויך אן חניפה אז איך פרגעסער

איך

איך שאן לאנג פון דר ערשטער מינוט וואס איך האב דעם גליק גיהאט איך צו זעהן... האט גזאגט חנה און איז רויט גווארן. — אן מיהע האט גאלדגלאנץ פרשטאנן אז די מיידכן ליבט אים אונמעגליך איז פארצושטעלן וואס פאר אפערגעניגן ער האט גיפילט אין דער מינוט, ער האט זיך גאר פר געסן אן זיין ראבינר שטעלע אן זיינע אנהענגר און פראטיווניקעס אים האט בעלעבט נאר דר איינציגער געדאנקען וויא בעקומט מען דר שוינהייט פאר אפרויא. — איך וועל איך פרעגן איינע ווערטער פריילין — האט ער גזאגט טראכטינדיק עפוואס — איר האט גוואוסט פון דעם שדכינס גאנג צו מיר? —וועלכר שדכין? האט חנה גפרעגט פערוואונדרט דען איר ברודר האט איר דר פון גאר ניט גזאגט — איך וויים גאר ניט. — דר הער פירענסקי איז שוין גקומן, און בעט איך אין זאל, האט גזאגט אדינר וואס איז אין דר מינוט אריין גקומן אין צימר. — גאלדגלאנץ האט זיך אפגיחאפט וויא פון אשטארקן שלאף ער האט גגעבן חנן די האנט און זיא האט געענטפערט מיט אשטילן דריק, און וויא אצומישטר האט ער זיך אריינגעחאפט אין זאל וואו פירענסקי איז גיזעסן.

גיוואלד וועל איך שרייען.

נוא עוכר ישראל וואס זאגסטו איצט —האט גזאגט רחל צו איר מאן חיים פירענסקי —דוא זעהסט שוין אז ב"ה איך בין נאך ביי מיין שכל און דו ביזט משוגה און חסר דעה. —וואס זע איך דען? האט גפרעגט חיים קאלטבלוטיג. —ניט זעהן זאלסטו די וועלט —האט רחל גינומן אויפן ביי קעלכל —ער פרעגט נאך דר אפיקורוס, וואלסט דו חאטש זעהן וויא דיין לויד האט זיך פערשפארט אויף 2 זייגערנע שעה מיט דעם ראבינר דעם משומד וויא זיי האבן זיך גישושקעט! נאר דו וועסט באלד זעהן וואס עס וועט זיך טאן, די וועלט וועט מיט דיר אויף זיין, אקיסקאף (אתקיעת כף) ביילעמהאבע (בעולם הבא) וועל איך דיר געבן אז זיא טראגט שוין, עפעס אקליינינקייט אז מיא האלט אזא זאך אין שטוב און דר טאטע איהרער וויל איר ניט חתונה מאכן חאטש די קאפ נעם אים אראפ. —רייד רייד גיטרייע מאמע! —האט גזאגט חיים מיט כעס —דו אליין וועסט איר מאכן אשם אז זיא וועט זיצן ביז גראע האר. —זיצן זאל איך שוין נאך דיר שיבה אין גיבע צייטן הארציגער מאמע, טרייפר אפיקורוס וואס מיינסטו זיך? דו וועסט מיר אנמאכן אזוי פיל הארצווייטאק, איך זאג דיר צו אז איך וועל דיר מאכן פינסטר און ביטר, דו ווילסט מיך אריינלייגן אין דר ערד גיי דו זאלסט שוין קענען געסן אמויד? לייגן זאל איך דיר מיט דיין טאטנ

אין איין טאג , וועל איך פרינאמשע וויסן אז איך האב ניט ווער זאל מיר צאפן די דמים אלע ווילע . — אבר וואס האסטו אופגיעפינט דיין פיסק מרשעת, דר טאג איז נאך גרויס וועסט נאך צייט האבין צו רייסן זיך אויף די ציין — האט גזאגט חיים . — איך בין אמרשעת? איך וועל זיך רייסן די ציין ? איך ? האט רחל גשריען אונ איר רויטר פנים איז גוואָרן נאך רויטער , אט צו וואס איך האב זיך דר דינט כדי טאקי גוועז פערשווארצט צו ווערן 30 יאר פאר אזא הונט כדי גוועז טראגן אויף זיך אזו פיל צרות דר יאן (מאן) זאל קענן שילטן מיט ציין ווייטאג, א האב דיר אבטציג שווארץ יאר אפיקורס זאג מיר פאר וואס שילסטו מיך אזו פר דיין חצופה פר דיין טאכטער וואס שוועקעט זיך מיט אלע מאנזבילן , פר איר שילסטו מיך אזו ? פר שאלטין זאלט איר ווערן ביידע פון גאט . — זיא איז טייערר פון דיר , איר נאגעל וועל איך ניט בייטן אויף דיר אין גאנצן . — אזעלכע יארן אזא גזונט זאלסטו האבן עובר ישראל הערסטו אפיקורס איך האלט זיך נאך איין אז איך וועל נאר וועלן אופשפילן דיר אחתונה וועט אקלאג פערגיין נאך דיר אגרויסר. — וס וועסטו טאן צום ביי שפיל ? — וס וועל איך טאן , איך וועל גיין קברים רייסן איך וועל אין ארון קודש אריינפאלין איך וועל זיך שטעלין אין מיטן מארק אונ שרייען, גוואלד וועל איך שרייען דר עובר ישראל וויל מיך פון דער וועלט ברייגגן, לאזין לייט קומען אונ זעהען חאטש מיינע צרות אז בייא מיר איז אזעלכע צרות וואס ביי קיין אידין איז ניטא מיר איז אזו צו גיקומען וואס קיין שונא האט דאס מיר ניט גיוואונשין , דו הערסט דו הולטאי אט אזעלכע לידן וועל איך דיר אנמאכן . — מאך אן , מאך אן — האט גיענטפערט חיים מיט אגילעכטער — פאל אריין אין ארון קודש רייס קברים נאר זעה למעיה דוא זאלסט דארפין ניט בלייבן איך מיין אין די קברים , ווארום איך וועל נעמן אמוד, אשיינע אונ אקלוגע .

אשר אין דיין טאטינס טאטין אריין דו הערסט דו הונט ! — האט רחל גישריען אפין קוויטש דו וועסט מיר ריידן אזעלכע ווערטער די מיר ? גיוואלד ! גוואלד! אידין ראטעוועט! האט זיא גישריען צו גייענדיק צום פענסטער , אונ ווירקליך האבן זיך אין איין מינוט אוף גקליבן אסך מענטשן ארום שטוב , די האבין גישריען פאזאר ! בייא חיים פירעננקי ברענט , אנדערע האבין גישריען וואסער , עס איז גיווארין אטומיל אונ אגירודער מיהאט אנגיהויבן צו קלינגן אין די גלעקר אונ דר ניפסקער פאליצייסטער וואס ווייזט ביי אטאזאר זיין גאנצע הראברקייט איז באלד גיקומען צו לויפן מיט די פאזארנע אינסטרומענטין , עס האט גיקאכט אונ גירוישט טאקע

זונא:

וויא ביי אפאזאר, נאר ניט אזו גיך וויא מיא האט זיך צוזאמען גינ׳ין אזו גיך איז מען צוא גאנגן, חאטש מי האט זיך באלד ארומגיזעהען צו קיין פאזאר איז ניטא פון דעסט וועגין איז מען גיבליבין שטיין ארום פירענסקים שטוב, ווארום יעדער האט גיוואלט וויסין וואס דא איז גיוועזן, עס איז גיווארין אנדערע גאוועגדעס, די האבין גיזאגט אז מיהאט אטוטין גיפונען אנדערע האבן גיזאגט אז מיא האט גחאפט ביי פירענסקין אין שטאל איינעם וואס האט גיוואלט אונטער צינדין, דר דריטר האט דר ציילט אז מיא האט גיחאפט ביי פירענסקין אין שטאל אבחור מיט אמויד, דר האט אזא ליגן דר ציילט דר איין אנדערין אונ ערשט אין אצייט ארום אז מיא איז צו קיין טאלק ניט גיקומען האט מען אן גיהויבן פארנאנדר צו גיין — אונ אין אפאר שטונדין דר נאך האט מען גיזעהן וויא חיים פירענסקים ווייב איז אוועק גיפארין אויף אפראסטע פור פון שטאט.

דיא צווייא שוועסטער.

אין דעם דארף ווישאנסק ניט וויים פון דר שטאט גיפכט אין אגרויסע הויז זיינען גיזעסן צוויי ווייבער אונ האבין גירעט, עס וועט ניט שאדין אז איידר מיר וועלן ארייין צו די פרויען אין צימר זאלין מיר אביסיל בעטראכטן דעם גרויסן זאל, ער איז כמעט אפוסטע נאר אגרויסער אשווארצער דאס הייסט אבלאטיקר טיש שטייט אין מיטן, ארום אים שטייען לאנגע גרויסע ביינק אוך אזו בלאטיק ווי דר טיש אליין אונ ארום זיינן דארפלייט מיט זייערע ווייבר די מוזיקעס פון דארף וואס האבין זיך אופגקליבן טרינקען זייער ליבליכן טרונק, דר מענטש וואס איז ניט גיוואונט גיווארן קען טוב ווערן פון דם לארם וואס דארטין טוט זיך, דא זיצן איין קאמפאניע אונ זינגן דארטן זיצט אין אנאנדער קאמפאניע אונ קריגן זיך אין נאך אווינקיל זיצן מאנזביל מיט פרויען אונ מיא רעט זייער פרייליך מיא קושט זיך אונ מיא האלזט זיך, לעבן שיינק טיש שטייען עטליכע אונ בעטן זיך ביי דעם שיינקער ער זאל זייא בארגן אקווארט וו"ש אונ ער וויל ניט חאטש נעם אים די ציינער ארויס, ער שטייט וויא אקיסר לעבן דר פעסיל אונ האט דא צו שאפין אויף אזו פיל מענטשין דען יעדערר חנפעט אים יעדער פאלגט אים אבי די ביסיל משקה צו קריגן, פון דעסט וועגן חאטש ער איז אזא גיוועלטיגר זייט ער אן גיטאן פעטשטוצטע קליידר וואס אויף זייא איז וויא מיא זאגט אלאטע אויף אלאטע די האר זיינען צו פורעט אויף צוואנציג זייטין נאר אלע מינוט שיקט ער אריין זיין האנט אין זיי גיוואר ווערין ווס דארטין טוט זיך.

די צווייא ווייבער וואס זיינען געזעסן אין אביזונדער צימער זיינען ביידע ניט קיין יונגע איינע איז אפרויא פון איאר 55 אמאגערע אדארע אנגיטאן זייער ארום און די אנדערע ווערט דו ליבער לעזער דער קענען וויא דוא ווערסט נאר אף איר אקוק טאן דו ווערסט גלייך דער קענען אונזער רחלען חיים פירענסקים פרויא. — איך זאג דיר מיין שוועסטער אז דוא טוסט נארעש מיט דעם וואס דוא זידילסט אזוא דיין מאן — האט די דארע אידענע צו רחלען גזאגט, חלעבן דיין מאן ניט צו פערזינדיגן איז אן עין הרע אמענטש מיט לייטן גלייך און דיר פעלט גאט צו דאנקן גאר ניט ביי אים, פאר וואס קומט אים אזוא פיל זידלען און וואשין.

אי דבורוניה — האט רחל געענטפערט — מיינע צרות קאן איך דיר ניט ווייזן, איך זאג דיר אז איך לעב בין איך איין אייזערנע, דו זאגסט פאר וואס שעלט איך אים, וויא זאל איך אים ניט שעלטין אז מיר איז שוין טרוקין געווארין אין מויל טענענדיק מיא זאל דר מויד חתונה מאכן זיא איז דאך שוין אלט 20 יאר און ער מאכט זיך כילעיאדע (כי לא ידע). — נחמ'לע מייניגקע! — האט דבורה גיזאגט — מיא דארף אלס לאזן מיט דר צייט ביז איר בישערטער וועט קומן, שרעק זיך ניט זיא וועט ניט אויסן בלייבן אזא מיידיל אף אלע אידעשע קינדר גיזאגט געווארן, וואס מאכט זיא דיר אזוא איינג? פרעג איך דיר. — דיר איז גרינג צו ריידין און איך האב שוין אוואונד אין הארצן, אקלאג איז צו מיר אגרויסער צו וואס איך האב דער לעבט, דו וואלסט אקאר זעהען וויא זיא איז נעכטן גיזעסן מיט דעם נייעם ראבינער פערשפארט ביי זיך אין חדר איך האב גימיינט איך וועל פלאצין, איך האב זיך גיוואלט אמעשה אן טאן, מיינע אקינד זאל אזוא זיין, אקלאג צו מיינע יארן אגרויסער. — איין עולה איז דאס איך האב פיינד צו זאגן — האט דבורה געענטפערט — נאר מיין שוועסטער מיט גוטן וואלסטו אסך בעסר מאכין, אך שוועסטערקע וואלסט וויסן דעם צער פון אמוטער וואס ווייס ניט וואו איר קינד איז שוין 20 יאר אז מיין מענדעל'ע איז פון מיר אוועק גיפארין און איך ווייס ניט וואו געבאך זיינע ביינדעליך זיינען היניקומען עס גייט ניט איבער איין מינוט וואס איך דער מאן זיך ניט אן אים וואס מיינע כחות גייען מיר ניט אויס קלערינדיק ווער ווייס וואו ער איז נעבאך ער איז שוין אפשר לאנג גישטארבין וואלט איך האטש וויסן וואו דר קבר'ל זיינער איז וואלט איך פארן אביסל אויס קלאגן זיך אויף אים. — הערסטו מיין שוועסטער אסך גלייכער אז אקינד שטארבט יונגר הייט איידר עס ווערט פון אים איין אפיקורוס האט רחל געענטפערט קאלט

בלישיג

בליטיק. — דוא גידיינקסט נאך רחל — האט דבורה ווייטער גיזאגט
וויינענדיג דיא אויגן — דוא גידיינקסט דיא צייט וואס מיין מענדעלע איז
אוועק גיפארין אין לאניקס לערנען דארטין אין דער ישיבה וואס פאר אנחת
איך האב גהאט פון יעדר בריוועלע וואס מיר איז אנגיקומען פון דעם ראש
ישיבה אז מיין קינד לערינט גאט צו דאנקען זייער גוט איך האב גימיינט
אז ער וועט זיין ארב אין א גרויסע שטאדט אונ האב מיר פאר גישטעלט
דעם נחת וואס איך וועל האבין הערינדיק אים זאגין א דרשה, אונ וואס
פאר א חורבן מיר איז גיווארין אז איך האב פלוצלונג דר הערט אז מיין
טייערע קינד איז פלוצלונג פאר פאלן גיווארן אונ מיא וויים גאר ניט וואו
ער איז היגיקומען, אך אונ וויא איז צוא מיינע אלטע יארין, פאר וואס
האט דאס מיר גאט גישטראפט אונ האט ביי מיר מיין טייערן קדיש צו
גינומען, דו זעהסט מיין שוועסטר וויא עס איז שלעכט אז א קינד ווערט
פר פאלין, אדער אז א קינד שטארבט אונ דו האסט נאך א הארץ אזוי צו
שילטן דיין קינד. — דו גלייכסט דבורה אזון צו א טאכטר? — האט רחל
גזאגט — אומשטיינס גזאגט וואס האט מען פון א טאכטר? אזון זאגט
חאטש קדיש איבר הונדרט יאר אונ וואס איז א טאכטר? לידין אונ פיין.
— זאג דאס ניט מיין שוועסטר א טאכטער איז אויך אזא קינד וויא אזון,
אז מיא האט א פרומע טאכטער האט מען אויך עולם הבא. — א פרומע
טאכטר האט רחל גזאגט מיט א ביטערן גילעכטר אבר אזא טאכטר ווי מיינע
איז ווס פר שפארט זיך מיטן ראבינר אין איין צימר פון איר וועל איך אויך
האבין עולם הבא. — אט מיילע וואס דו זאגסט זיא האט זיך פערשפארט
— האט דבורה גיענפערט איך קען דאך דיך שוין דו האסט שטענדיג ליב
מאכין פון יעדער קלייניקייט, אבר איך וויים אז דיין חנה איז א גאנץ ערליך
קינד א זא יאר זאל איך האבין. אונ זיא איז ניט קיין נאר זיא וועט אזא זאך
ניט טאן טענקסט מיר שווערן מיט כל השבועות. — חיינט וואס זאל איך
טאן א מעשה זיך אן טאן? אז אפילו מיין שוועסטר גלויבט מיר אויך ניט,
הט רחל גזאגט ברעכינדק די הענט. — פערזינדיג זיך ניט מיין שוועסטר
— הט דבורה ווייטר גזאגט דארפסט וויסן אז גאט העלפט אונז צו ליב די
קינדר, דו זעהסט דאך אן מיר, אז איך האב גהאט מיין מענדעלן האב איך
גיהאט פרנסה גידיינקסט איך האב גיוויינט דאמאלס אין דר שטאט סאלונא
איך בין גיוועזן א קרעטשמערקע אונ האב גיהאט שיינע פרנסה אונ זינד מיין
מענדעלע איז פערפאלן גיווארן האב איך מיינע גאנצע געלד אנגיווארן אונ
האב זיך גיוואלגט ביז דיין מאן זאל געזונד זיין האט זיך אויס גשטארעט
האר

פר מיר דעם שיינק. אונ וואס איז היינט מיין לעבן ? קיין פרנסה קיין גרוסע איז ניטא, קיין קינדר האב איך ניט, איך בין ווי אשטיין אין פעלד, אונ דו זינדיגסט אז דו האסט גאט צו דאנקען פרנסה אן צער דיין מאן איז אן עין הרע אפערדינער אויף אלע אידן גזאגט גיוואָרן אונ האסט קינדר קיין בייזע אויג ניט מיט לייטן גלייך פערזינדיג ניט רחל דיינע יארן אונ טעג!

דבורה'ס ווערטר האבן וויא עם ווייזט אויס אביסל געווירקט אויף רחלן דען זיא האט ניט גיענפערט, זיא האט מיט אומעדיגע בליקן גיקוקט אראפ אונ טרערן האבן זיך איר גשטעלט אין די אויגן. — דאס איז גיוועזן טרערין פון פערדרוס אויף דר שוועסטר וואס האט איר גימוסרט, אדער טרערן פון חרטה, דאס הייסט זיא האט גיוויינט אויף דעם וואס זיא בעגייט זיך אזו נארעש אונ אזו טירא:יש מיט איר מאן אונ אירע קינדר, דאס וויים איך ניט, דאס ווייס נאר גאט וואס קוקט טיף אין מענטשינס הארצן, נאר לאמיר גיין טייערע לעזער צוריק אין ניפסק וועלן מיר אנייע זאך זעהן, אונ נייע רייד הערין.

דער וויבאר.

דיא שטאט ניפסק האט גיקאכט וויא אקעסיל, מיא איז גילאפין פון אלע גאסין אונ פון אלע זייטין אין בית המדרש, מיינט ניט אז זאגין תהלים אדער תשובה טאן אף זייערע עבירות וואס זיי טועו טאג טעגליך גיין אזא נארעשקייט טועו ניט ניפסקער אידין, זיי לויפין אין שול מיט שמחה צוויי מאל אין יאהר מיט טרויער אויך צוויי מאל אין יאר, אונ מיט גרולה לויפין זיי איין מאהל אין דרייא יאר איך מוז ערקלערין מיינע ווערטער: צוויי מאל אין יאר מיט שמחה דאס איז שבת בהעלותך ווען קלעזמער שפילין אונ צו דיא ערשטע סליחות ווארום דאמאלסט זינגט שטענדיק דער ניפסקער חזן נייע זאכין אין סליחות. צווייא מאהל אין יאהר מיט טרויער דאס איז ראש השנה אונ יום כפור ווען גאט איז מוחל אויף אלע זינד וואס מיא האט אנגימאכט אגאנץ יאהר, איין מאל אין דרייא יאהר מיט גדולה דאס איז צוא אוויבאר דען דאמאלס קריגט יעדערער עפעס אין קעשענע אדער אין מויל, דערום לויפט יעדער מיט אגרויסע גדולה אין בית המדרש, אגב ווילט זיך דאך עפעס יעדערין וויסין וויא דיא זאך קאנצעט זיך ווער האט גיקריגין דיא ממשלה.

אין בית המדרש אריין גיין איז גיוועזן אונמיגליך, להבדיל וויא אין אבאר האבין זיך דארטין גהערט גנואלדין מיט קולות, פון גיוויסע 500 מענטשעסע מיילער איז גיגאנגען ארויס פון לולקעס אונ ציגארין, עס

איז געוועזן איין איינגעשאפט אזוא וויא צו אצדיקס אלות, אונ יעדערער האט גירעט אדער גישריען, גיוואוגליך איז לעבין שול אשיינק וואס דער בעל הבית לעבט אגאנץ יאר איך מיין גאנצע דרייא יאר פון דער איינציגער וויבאר נאכט, דען דאמאלס שוויבילט אונ גריבילט דארטין פון חברה שכורים וואס לייפין פון בית המדרש אין שיינק אונ פון שיינק אין בית המדרש, אונ בפרט אזא וויבאר וויא היינטיגער אז 2 גובערסקע ראבינער האבין זיך גישטעלט אפין ברעטיל אונ יעדערער האט די הוזין פערקופט אבי צופרידין שטעלין זיין חברה אונ צו שלעפין צוא זיך דעם אנדערינס מענטשין, מיט איין ווארט עס איז גיוועזן גילעבט; עס האבין זיך אופגיקליבין אלע גבירים אונ אלע ניפסקער גיבילדעטע דאס הייסט דיא מענטשין וואס קענען אופשרייבין איין אדרעס אף רוסיש אונ חתמענען זיך אף דייטש, אונ זאגין מערסי אף אקאמפלימענט. אין יעדער ווינקעלע זיינען גישטאנען קאמפאניעס אונ האבין גירעט האבין נביאות גיזאגט וואס עס וועט זיין ווער עס וועט האבן מער ווייסע גאלקעס.

גיוויינליך זיינען דיא גבירים גישטאנען אין אביזונדער זייט אויבין אן אין מזרח זייט צווישין זייא איז גיוועזן אזא ראזגאוואר: — וויא מיינט איהר הער לאהשינסקי — האט גיפרעגט אבייביקער גביר — מיר וועלין אוים פירין אדר חיים פירענסקי? איר זעהט אט דיא אלע שניידערוקעס האלטין מיט אים. — שרעקט זיך ניט מיר וועלין אוים פירן רבי נחמיה, צוא דיא שניידערוקעס האב איך אתחבולה האלב פון זייא האב איך שוין איבער גיקויפט אונ דיא אנדערע האלבע וועלין אויך זיין אונזערע.

וואס זאגט איר אבער צוא פירענסקין וואס ער האט זיך ניט גילאזט גארין אונ האט ניט גיוואלט טאן אשידוך מיט אונזר ראבינר האט גיזאגט נחמיה. — וואס איז דיא קאפ איז אים אום גידארט? ער פערשטייט קיין אינטערעס ניט, האט איין אנדער גביריל גיענטפערט. — איר האט ביגערקט ברידר האט אדריטער גיזאגט — איר הט במערקט ווי גאלדגלאנץ וויל זיך קויפין פירענסקין פאר אגוטין פריינד, דען אלע טאג מאכט ער אים אוויזיט. — איר פערשטייט קיין אינטערעס ניט רבי דניאל — הט לאהשינסקי גיענטפערט — מיא דארף יוצא זיין אמאל פאר דעם הקדש מאן אויך וואס שאדעט דאס פרעג איך איך אז ער גייט צו אים אריין זאל ער אים וויזן אז חאטש דו ביזט אגראבער יונג איך בין אבער פארט איין איידיל מאן דו ווילסט זיך מיט מיר קריגין אונ איך וויל זיין מיט דיר שלום. — קום איז אבער די אורזאכע וום פירענסקי וויל ניט גאלדגלאנצין.

ער אליין ווייס אויך ניט די אורזאכע דער פון אט איז אים אריין גיפאלן אין מוח אז ניט גאלדגלאנץ, וויל ער זיין שנעון אוים פירין, אבער ער וועט גאר ניט מאכין מיט אונז. — וואו איז יעצט גאלדגלאנץ. — ער איז ביי זיך אין דער היים, ער איז גירעכט וואס ער וויל ניט גיין אהער וויא זאגט ער מסה נפשך וועט מען מיר אוים קלייבין פאר אראבינער וועט אן מיר אויך זיין רעכט אונ אויב ניט וואס דארף איך נאך האבין בזיונות...

אין דער מינוט איז ארוף דער פאליצמייסטער מיט דעם גאלאווא פון דומע פרעגין ביי דעם נאראד ועמען זיי ווילין פר ארב, אלע מענטשן פון ביידע צדדים וואס גאר האט זיי גיבענטשט מיט גיזונטע קולות האבן זיך גישווינט גישטעלט אנטקעגין, אונ ווי דער גאלאווא האט אפרעג גיטאן „קאווא בי זעלאעטע“, האבין דיא חעוט אנגיהויבן צו ציטערין פון דיא קולות גאלדגלאנץ, מילנער! איין קאמפאניע האט זיך גישטארעט איבער שרייען דיא אנדערע, מיא האט שוין לויב גאט גיקאנטשעט דיא גשרייען הט מען אנגיהויבן צו חארפן גאלקעס, בקיצור גירעט גאלדגלאנץ איז ארוים ראבינער די גאנצע קאמפאניע פילנערס זיינען נעבאך אוועק גיגאנגן פערשעמט וויא אפ גישמיסן, אונ די אנדערע קאמפאניע האבין גיטאנצט פאר פרייד שטאפעטן זיינען גלאפן פון אלע זייטן אנזאגן דעם גליקליכען גאלדגלאנץ אז ער איז גיווארן אין גיפסק ראבינער.

דער בריף.

אין דר צייט וואס אין בית המדרש האט גירוישט פון דר גרויסער גזעלשאפט וואס האבן גיהאלטן מיט גאלדגלאנץ, אין גאלדגלאנץ גיזעסן ביי זיך אין צימר אונ האט גשריבן איר קענט ראך פיליבט מיינן טייערע לעזער אז ער האט עפעס גישריבן וועגין דין גישעפט, דערום מוז איך איך ווייזין דעם בריף אט איז ער לייענט אים: טייערע געליבטע חנה! מיין שיקזאל האט מיך גיבראכט אין דער שטאט וואו איך בין נימאלס גיוועז, אונ מיין גליק האט ערמונטערט פרעמדע מענטשין מיא זאל פון מיינט וועגין שטרייטן קריגן אונ זעצן מיך אויף דער ראבינער שטול אין גיפסק, אבער ליידר קאן איך מיינע גוטע פריינט ניט דאנקבאר זיין אין די עהרע וואס ערוואַרטעט מיר אין צוקונפט אלס איך ווערדע זיין ראבינער אין גיפסק מאכט מיר קיין פערגעניגען, דען מיין הארץ איז פול מיט אנדערע זאכן, זיא איז פול מיט איין גרויסע אונאויסדריקליכע ליבע צוא דיר טייערע געליבטע חנה. — יא איך ליב דיר פיל מער אלס מיין ראבינערשטעלע, איך וועל דיר ניט פערבייטן אף אמתיקליכן טראן וועגן

עס וואלט נאר מעגליך זיין איך זאל דיר קענען דערלאנגען וואלט איך דיך פיעגר אונ וואסר גלאבן אונ ווען מיין לעבן וואלט דורך דעם מיך פר לאזן וואלט איך מיט פריידע אויס שטרעקן מיינע הענט צום טויט דען דר איין גדאנק אז צו ליב דיר בין איך פון דר וועלט גיגאנגען וואלט מיר זיס מאכן אלע מאדעס שמערצין. — נאר דורך וועלכער וועג זאל איך קומען צו מיין גליק? וויא אזו קען איך דיך מיין טייערסטע דער לאנגען וייס איך ניט, פיליכט קאנסטו דו מיר געבן איין ראטה, בעט איך דיר: זאג, ראטהע, ווארום אן דיר בין איך וויא אקערפער אן אנעלע. — איך זעה אז מיין אונגליק האט מיך געבראכט אין דער שטאט כדי איך זאל דיך דער זעהן אונ איך זאל מיר מיין לעבן פארשילטן - אך וויא פילע לידין האב איך גיהאט אין מיינע יונגע יארין אז איך נעם דאס בעטראכטין בעוואונדער איך זיך אליין, וויא אזו בין איך פון זיי פריי גיווארין אז איך לעב נאך, איך מוז דיר מיינע טייערסטע מיט ווייניגע ווערטער מיין ביאגראפיע דר ציילן. — איך בין א געבארענער פון דר שטאט סאלונא מיינע עלטרן זיינען גיוועזן קרעמער ניט רייך ניט ארום, איך בין ביי זיי גיוועזן אבן יחיד דערום האבין זיי מיך גצערטעלט אונ גגעבן אלע וויגאדעס, מיין מוטר האט מיך גיוואלט מאכן גיך פר ארב. דריבער האט זיא מיר גידונגען די גרעסטע מלמדים אונ האט טאקע גיצאלט פאר מיר אסך געלט, אונ איך בין גוועזן אוואולר יונג, אלע מיינע מלמדים האבין גיזאגט אז איך וועל זיין ארב. — אז איך בין אלט גיווארן 12 יאר האבן מיך מיינע עלטערן גשיקט אין דר שטאט לאניקא לערנען דארטן אין דר ישיבה, איך בין דארטן אפ גקומען אפין פוד, האב זיך גוואלגערט אויף אלע בייניק פון דר ישיבה אונ האב פיל מאל ניט גיהאט וואס צו עסין דען חאטש מיינע עלטערן האבין מיך ליב גיהאט פון דעסט וועגן האבן זיי זיך צו גיפוילט שיקן מיר געלט, איך בין גיווארן ווייער אין כעס אונ האב ביי זיך באשלאסין פארין צוריק אהיים אוועק ווארפין די ישיבה מיט די בייניק מיט די גמרהת צו זאמען.

איין מאל בין איך גיקומען צוא מיינעם אבעל הבית וואו איך האב געגעסן א טאג איז ביי אים גיזעסין אגאסט אטענטש פון איאר 30 האט אוים גיוויזן זייער איידיל אונ שיין ער האט זיך מיט מיר פערנאנדער גירעט אונ האב וויא עס ווייזט אויס ביי אים אוים גינומען דען ער האט גיזאגט צוא מיין בעל הבית ווען דער איינגיל וואלט וועלין וואלט איך אים צו גינומען אין קראם פר אפריקאשציקיל. — איך האב נאם דר וועגען איז ביי מיר גיבליבן איך זאל זיך שטעלין דינען איך האב אים גלייך

[illegible]

געזאגט אז איך בין סאגלסנע און כדי ער זאל וועלין האב איך אים גענארט און האב אים געזאגט אז איך בין איתום איך האב ניט קיין פאטער און קיין מוטער דער מענטש האט קיין ספק ניט גיקלערט און האט מיך באלד צוא גינומען און טאקע דעם זעלביגען טאג בין איך מיט מיין נייעם בעל הבית אוועק גיפארין קיין קערטש וואו ער האט געוואוינט, איך האב ביי דעם מענטשין גידינט 3 יאר מיר איז אפילו ניט שלעכט גיוועזן דען איך האב גיהאט וואס צו עסין און בין ניט גיגאנגען נאקעט און האב גיהאט וואו צוא שלאפין, נאר פלוצלונג האט זיך גימאכט איין אומגליק ביי מיין ווירט דען זיין בוכהאלטער האט זיך פערסמט, און עס איז גיווארן אפעלערסטווא, די גאנצע הויז גיזינד מיין ווירטס זיינען ארויין אין אסטראג און איך אויך צווישין זיי, 2 יאר האבן מיר זיך אלע אפגיוועלגערט אין אסטראג די ליידין וואס איך האב דארטין גיהאט איז ניט אויס צו שרייבין נאר אין צוויי יאר ארום זיינען מיר ארויס, איך האב אנגיהויבין צו זוכין אשטעלע, אייאר האב איך זיך גיוואלגערט אין דער וועלט ביז איך האב זיך דער שלאגין צו אפאבריקאנט און בין גיווארן ביי אים אסלוזשעל, איך האב דארטין גידינט 4 יאר און האב אנגיקליבן אביסל געלט, איך האב אן גיהויבין שרייבין אהיים בריף נאר איך האב קיין ענטפערט ניט גיהאט. אין יענער צייט האב איך זיך דער קענט מיט אמענטשין פון זיטאמיר וועלכער האט מיר פאר גישטעלט דעם גליק פון די שילער וואס ענדיגען ראבינער ער האט מיר גימאכט אזא חשק אז איך האב זיך ענטזאגט פון מיין שטעלע איך בין אוועק גיפארין קיין זיטאמיר דארטין בין איך אפ גיזעסין 6 יאר און האב גיהארעוועט וויא איין אייזיל ביז איך האב מיט גאטס הילף גיענדיקט אלע קלאסין — איך האב גיוואלט פארין קיין סאלונא וויסין צו מיינע עלטערין לעבין אבער אין וועג האב איך בעגעגינט דעם גביר לאהשינסקי וועלכער האט מיך פערשלעפט אהער, איך בין גפארן און דא האב איך דיר טייערע חנה דער זעהען און מיין רוהע איז פון מיר פערשוואונדין גווארן — איך בין אונגליקליך!... אנטווארטע מיר טייערסטע צו איך האב אהאפנונג דיך מיין פרויא צוא רופין אדער ניט. —איך ערווארטע מיט אונגידולד דיין ענטווארט און פערבלייבע אביטונגספאל דיין דיך עוויגליבענדער מענדיל גאלדגלאנץ. —מז"ט מז"ט! האט זיך פלוצלונג גיהערט אשטים און נאך אים נאך איינר און אדריטער. גאלדגלאנץ האט זיך אומגיקוקט און האט דר זעהען עטליכע מענטשין אין זיין הויז. מז"ט הער גאלדגלאנץ! אייך מיט כאזינער אין גיזונט האבין די אלע אין איין שטים גירופין.

דער פאטער מיט דעם זון.

אין דער צייט וואס דער וויבאר איז געווען אונ גאלדגלאנץ האט געשריבן זיין בריף איז ארום געגאנגען חיים פירענסקי אין זיין הויז הין אונ צוריק אונ האט גערעט מיט היטץ צוא זיין זון יוסף וואס איז געזעסין אפין פאטערשטול לעבין טיש. — וואס קומט ארויס פון די רייד — האט פירענסקי געזאגט — איך פערשטייא גאנץ גוט אז פאר חנהן איז דאס אגליק, נאר איך זאל זיך סאגלאסען דר צו דארף איך פריער אנטלויפן פון שטאט, דו קענסט דאך דיין מוטער מיט איר צינגיל זיא וועט מיך לעבעדיגער הייט אויף עסין, זיא וועט דיא שטאט אויף ריירין מיט אירע געוואלדין.

זיא וועט זיך אבער איבער שייען אונ חנה וועט זיין גליקליך — האט געזאגט יוסף — פערגעס ניט אז ער איז אפאלנער מענטש העכסט געבילדעט שיין קלוג, חנה וועט לעבין פאר אים וויא אגרעפין, ווען דוא וואלסט אפילו געבין צעהען טויזינט קערבלאך וואלסט דוא קיין בעסערין שידוך ניט קריגין, גאנץ שטאט וועט דיר מקנא זיין. — הער מיר אויף צו ריידין איך בעט דיך דאס איז ארויס געווארפענע ווערטער איך וועל זיך מיט דיין טייערע מוטער ניט זאצעפען, מאכין לייטעשע געלעכטער צוליב אקינד בין איך ניט מחויב. — וואס רעדן, דוא וועסט טאן מיט יוסיל ספרינצעס? ווארום דאס געפעלט דאך דער מאמען, האט געזאגט יוסף מיט אביטערן געלעכטער. — אבריירה וועל איך האבן איך וועל כוזן טאן מיט יוקלען. ווארום וויא מיא וויל אזוי רעט מען, אז מיא וויל זאגט מען יוסל איז די רייד ניט ווערט אונ אז מיוויל זאגט מען אז ער איז פארט אמענטש אלמדין אונ אגיבילדעטער אונ האט צווייא טויזינט רובל מזומן.

טאטע — האט יוסף געזאגט — זאלסט זיך ניט איין בילדין אז חנה וועט זיין יוסילס כלה, זיא וועט זיך אליין אמעשה אן טאן אונ וועט דר צו ניט דר לאזין. — נוא טא זיי אברירה אונ פיר אויס ביי דיין מאמען זיא זאל זיך סאגלאסין טאן מיט גאלדגלאנצין, איך שטייא ניט אפ דער פון.

איך וועל זיך פרובין — האט געענטפערט יוסף — איך פאר מארגין אריבער קיין ווישאנסק ברייגגן דער מאמען אונ איך פערהאף אז איך וועל אויס פירין דאס מיינונג. — הער זע זאך איין יוסף — האט פירענסקי געזאגט — טוא זע ניט ווי קיין פלוט, דו פאר מארגן ברייגגן דר כאבן אונ דר מאן איר דארפין גאר ניט ברייגג אהער איר שוועסטער דבורהן אויך, זיא קען דא זייער פיל בעהילפיג זיין, אונ אז זיי וועלן קומן אהער וועסט אנהויבן ריידן מיט איר אונ מיט דבורהן טאמר וועט דיר גליקן איבער רייד

ניר , דו ווייסט דאך אז איך בין ניט פון די אידעלאך וואס זוכן תורה אין חוס איך קוק נאר אוף אמענשן אונ גאלדנגלאנץ איז אמענש לכל הדיעות .

אנעפונענער זון .

אויף מארגין איז ניפארן יוסף אונ האט גבראכט דער מוטער מיט איר שוועסטר קיין ניפסק , רחל איז אריין גינאנגן אין שטוב מיט אראפ גילאזענע אויגין וויא אכלה אויף מארגין ... אלע אירע קליינע קינדער זיינען ארויס גלאפן איר אנטקעגן נאר זיא האט זיך צו קיינע ניט גקערט זיא האט אירע קינדר פיינט גיהאט ערגר וויא אשטיף מוטר אויסר אטיידיל פון איאר 12 נאר איר האט זיא ליב גיהאט אונ אויך יעצט האט זיא איר באוויזן איר ליבע דען נאר איר האט זיא אקוש גיטאן אונ האט איר גיגעבן די מתנה וואס זיא האט איר גיבראכט פון דארף דרייא גיקאכטע אייער . — זיא האט איר גיליבטע קינד אפ גירופן אן אזייט אונ האט בייא איר ניפרעגט וואס הערט זיך אין שטוב , צו האט דר טאטע נאך איר גביינקט , צו קיינר האט ניט גיצעפעט די לאדעשקעס מיט די סטעטענע וואס שטייט אין שאפע צו גייט אהער דר אפיקורס גאלדנגלאנץ . — אי מאמינקע — האט די טיידיל גיענטפערט — גאלדנגלאנץ גייט אהער אלע טאג ער שיקט מיט אבחור עפעס צעטליך אלע מאל צוא תנהן , היינט אין דר פריא האט אויך דר בחור גיבראכט אבריוועלע , איך האב גיזעהן וויא תנה האט זיך פערשפארט אין איר חדר אונ האט אים גילייענט זיא האט אזוי גיוויינט איך זאג דיר אגרויל . — רחלס פנים איז פריילאך גוואורן הערינדיג די ווערטר , זיא האט אריינגירופן איר שוועכטער אונ האט גיזאגט : ועהסט דו דבורה דו האלסט מיך פאר אמישוגענע אט הער חאטש וואס מיין רבקה דר ציילט . רבקה האט איבר דר ציילט די גאנצע מעשה מיט דעם בריף דבורה איז טאקע דר שראקין גיוואורן הערינדיג די ווערטר זיא האט זיך אקער גיטאן צו דר טיידיל אונ האט גיזאגט ווייסט אפשר וואו דר בריף ליגט ? — זיא האט אים גיטוזט ליגן אין איר קעסטיל וואס שטייט אונטרן בעט — האט די טיידיל גיענטפערט — הער זע מיין טאכטר — האט דבורה גיזאגט איך וועל אריינרופן תנהן אהער אין דעם חדר אונ דו גיי דר וויל אריין צו איר אין ציטר אונ נעם ארויס פון קעסטיל דעם בריף , דו ווייסט דס קענן דאקאוין ? — איך וועל קענן מאמינקע — האט רבקעלע גיענטפערט — דבורה האט באלד אראפ גוואורפן פון זיך אירע רייזע קליידר אונ האט אריינגירופן תנהן אין דעם ציטר וואס זיא וואו זיצען , תנה האט אויף קיין אויבער הקצאות ניט גיקלערט אין

זיך אריינגיגאנגען גאנץ מונטער ריידען מיט דר מומען, און רבקה איז גישווינד אריין אין חנהס צימר זיא האט איבער גיטרייסלט די קעסטיל און האט גיפונען אבריף, זיא האט זיך גישווינד ארוים גיכאפט און ווי דר שראקן איז זיא גיווארן אז זיא האט באגעגינט חנהן אויפין שוועל, דען זיא איז די מינוט צוריק גיגאנגען אין איר צימער.

וואס האסטו דא גיטאן רבקה? — האט זיא סטראגא אפרעג גיטאן — גאר ניטט, אף מיינע נאמנות גאר ניטט — האט רבקה גענטפערט.
— חנה האט נאך גיוואלט אוים ריידען עטליכע ווערטער נאר אין דר מינוט איז גאלדגלאנץ אריין, זיא האט שוין ניט גיקוקט אף איהר שוועסטער און האט אופגינומען איר טייערין גאסט. — דו ועהסט דעם אפיקורום? האט רחל גיזאגט צו דר שוועסטער ער קריכט ווייטער צו איר אין צימר, איך וועל אים אף בריהען מיט זודיקע וואסער. — אט דאס איז דער ראבינער — האט דבורה אפרעג גיטאן — אך וואס פר אשיינר מענטש ער איז איך וואלט זיין אמיידיל וואלט איך אים אויך ליב גיהאט. שא אט איז רבקה נוא דו האסט גיפונען דעם בריף? — איך האב גיפונען, האט די מיידיל גיענטפערט מיט אשטייביל ארוים נעמענדיק פון קעשענע דעם בריף און האט אפ גיגעבן דר מומען. — דבורה האט אים אופגיעפינט און האט אים אנגיהויבן צו לעזן, רחל האט מער ניט גיהערט די ערשטע ווערטער דען באלד האט איר יוסף עפעם ארוים גירופין, און דבורה האט אים אנגיהויבן דורכלעזן, פון מינוט צו מינוט איז פערענדערט גיווארין איר גזיכט און אז זיא האט אים געגדיגט איז זיא אריינגילאפן ווי אמשוגענע אין שטוב און אירע אויגין האבין גישאסין פייער, איר גיזיכט איז גיוועזן בלאס ווייא דר געזיכט פון אטויטן אז אלע מענטשן פון שטוב האבן זיך דער שראקן. — וואס איז דיר דבורה? האט רחל גיפרעגט מיט שרעק.

מיין זון, מיין זון! האט דבורה גשריען מיט אזאנדרבארע שטימע, וואו איז מיין זון מיין מענדעלע? — וואס רעדסטו וועלכער זון וועלכער מענדעלע? האבן אלע גפרעגט. — דבורה האט מער ניט גיענפערט זיא איז אריין גילאפן צו חנהן אין צימר איז צוגילאפן צו גאלדגלאנצן און איז אים גפאלן אפין האלז מיט אביטערן און צוזאמען מיט אפרייליכן אוים גישריי: מיין זון, מיין טייערע קינד, מענדעלע מייער וואס מאכסטו! זיא האט מער ניט גיקענט ריידן דען זיא האט גיחאלעשט, עס איז גיווארין אגעשריי אנעפילדער מיא האט איר קוים אפ גימונטערט. — קום אהער מיין קינד, האט זיא גיזאגט צו גאלדגלאנצין מיט אשוואכע שטימע, קום אהער נעם

מיך ארום איך וועל דיר אקוש טאן מיין גיפונענער זון. — וואס רעדסטו דבורה, האט רחל גיפרעגט אונ הט גמיינט אז איר שוועסטר איז משוגע גוואָרן. — נאר גאלדגלאנץ וועלכר איז גישטאנען וויא פערשטיינערט אונ האט גקוקט אף דבורהן איז גישווינד צו גלאפן איז איר גיפאלן אפין האלז אונ האט אנגיהויבן צו רופן כיט אגעוויין מוטער מיין מוטער מיין טייערע אונ פערגעסליכע מוטער (ער האט איר דער קענט).

אהייליגר שוידער איז גיפאלן אויף אלע ארום שטייענדע. — דר שטורים הט זיך עטוואס גישטילט — די פאמליע האט דר קענט איר פאר לארענעם צלען, אונ דר עלינטער גאלדגלאנץ האט גפונען אפאמיליע, מיא קען זיך פארשטעלין וואס פאר ארירענדע סצענע עס איז גיוועזן אז אויך רחלם שטיינענע הארץ איז ווייך גיוואָרן, אויך זיא האט אקוש גיטאן איר פלימעניק מענדעלן. מאמע! האט גיזאגט יוסף וועלכר איז צוגיגאנגן צו איר לאמיר פר גרעסרן די פרייד פון היינטיגן טאג אונ מיר וועלן מאכן ביי אונזער חנהן תנאים. — פאראן דען אחתן? האט גפרעגט רחל.

— אחתן אלייט האט געענפערט יוסף, ער איז צוגגאנגן צו גאלדגלאנצן האט אים אנגינומען פארן האנט אונ תאט אים צו גיפירט צו דר מוטר, אט דר איז חנהם חתן מאמע. — מומע, איך וויל זיין אייער איידים — האט גיזאגט גאלדגלאנץ אקושטאנדיג איר אין האנט. — מיר וועלין זיין מחותנתטעם רחלע, האט גשריען דבורה אונטר טאנצינדג אונ די ביידע שוועסטר זיינען גיפאלין איינע די אנדערע אף די העלזר האבן זיך גקושט גוויינט גלאכט, אלם אין איינעם. — וואס זאל איך ווייטר דער ציילין? גיוויס וועט יעדער לעזער פאר [illegible] אז עס איז גיוועזן חתונה מיט מזל, אז קלעזמר האבן גישפילט, אונ דר ברחן האט גזאגט, נאר דאס מוז איך אייך דר ציילן אז רבי ליב יידבן חאטש ער האט זיך איצט גאר ניט גמישט פון רעסט וועגן הט ער גינומען שדכנות. אט דעם נייעם קאפטין וואס ער האט זיך גמאכט אונ דעם ציפיק וואס זיין ווייב ברײנדעלע די זאגערן האט אנגיטאן לכבוד יום כפור איז גימאכט גיוואָרן פאר די שדכנות געלט.

ענדע